בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת כי תבוא תשפ"ב
ס"ג מאמר ב'

יו"ל פר' כי תבוא תשפ"ג



# נתנדב לזכר נשמת
# רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין אנהייב פרשה - אין די פרשה פון ביכורים (כו, ג) 'ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם', טייטשט רש"י 'אין לך אלא כהן שבימיך כמו שהוא (עי' בספרי)'. פרעגט דער **רמב"ן** און נאך מפרשים וואס איז שייך צו זאגען 'כהן שבימיך' לגבי ברענגען די ביכורים, גאנץ פארשטענדליך ביי זקן ממרא וואס דארטען שטייט (שופטים יז, ט) 'ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט אשר יהיה בימים ההם', און רש"י ברענגט א חז"ל (ר"ה כה:) 'אפילו אינו כשאר שופטים שהיו לפניו אתה צריך לשמוע לו, אין לך אלא שופט שבימיך', דארטען רעדט מען אויף א שאלה אין הלכה וואס מ'דארף וויסען וויא אזוי זיך צו פירען - און אויפדעם דארף מען אונז לאזען הערען אז 'אין לך אלא שופט שבימיך', אבער ביי ברענגען די ביכורים צו וועמען דען וועט מען דאס ברענגען אויב נישט צו די כהן וואס איז בימיו, און כל זמן וואס דער כהן איז נישט קיין עם הארץ און ער איז בחזקת כשרות און ער געפינט זיך אין בית המקדש, קען מען איהם ברענגען ביכורים, און וואס איז דאס באדייט פון 'אין לך אלא כהן שבימיך'.

**און** מ'קען מפרש זיין בהקדם דאס וואס שטייט אין סוף פרשה (כט, ג) 'ולא נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע עד היום הזה', און דער **שפת אמת** (תרל"ה) שרייבט אז דער **חידושי הרי"מ זי"ע** האט נאכגעזאגט אין נאמען פון הרה"ק הרבי ר' **בונם מפרשיסחא זי"ע** (ועי' ליקוטי הרי"מ בסגנון דומה) אז לכאורה רעדט מען דא פונעם דור וואס ביי זיי איז יציאת מצרים נישט געווען נאר בגדר פון 'זכר ליציאת מצרים', ווייל זיי זענען געוואר געווארען אויפ'ן ענין פון יציאת מצרים וואס איז געווען אין די פריעדידע דורות, נישט מפי השמועה, נאר זיי אליינט האבען דאס מיט געלעבט די יציאת מצרים, און זיי האבען דאס אליינט צו געזעהן מיט זייערע אויגען די אלע נפלאות, און אזוי וויא עס שטייט אין די פריעדיגע פסוקים (שם, א-ב) 'אתם ראיתם את כל אשר עשה ה' לעיניכם בארץ מצרים

לפרעה וגו', המסות הגדלות אשר ראו עיניך', און וואס איז שייך צו זאגען אז זיי האבען נישט געהאט 'לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע עד היום הזה'. נאר ווייל אויך נאך אלע גרויסע און מורא'דיגע מופתים, בכדי אז זיי זאלען קענען ווערען נאכגעצויגען נאכ'ן ניסים, האבען זיי געדארפען מקבל זיין די תורה - ווייל אין יענעם טאג האבען זיי דאך באקומען דעם ספר תורה (עי' רש"י), און מ'מיינט נישט סתם לערנען, נאר מ'מיינט אויף אזיין סארט לערנען - מיט'ן טיפען און אינערליכען זינען פון לימוד התורה, וואס דער תורה ווייזט דער וועג פאר יעדער איינער וואס לערנט די תורה, וואס ער לערנט זיך אויס פונעם תורה, און דאס וואס דער תורה לערנט איהם אויס, און נישט נאר דאס וואס ער האט געלערנט אינעם תורה, דעמאלט איז דא א לב לדעת וכו' - אן אמת'ן השפעה און א שטענדיגע איינדרוק לדורות פון אלע נפלאות (ועי' פר' תרומה תשע"ב - עבד"ד ח"ב עמ' צב הערה ג).

**און** ס'איז באוואוסט דאס וואס דער **רבי ר' בונם זי"ע** האט געזאגט, אז ער האט א מעגליכקייט צו באווייזען א מופת אז די אלע רפסודות וואס געפינען זיך אויפ'ן טייך 'ווייסעל', זאלען שווימען אנטקעגען די שטורעם, אבער ער טוהט דאס נישט, וויבאלד אז עס וועט נישט ארויס קומען דערפון קיין שום תועלת און תכלית, אויסער דעם אז אין בערלין וועט מען ליינען דערויף אינעם צייטונג אז ס'איז פארהאן א וואונדער ראבינער 'בונם מפרשיסחא' וואס האט באוויזען א וואונדערליכע זאך און א מופת, און תוך כדי וועט זיי וועלען ליינען דערויף, וועלען זיי ממשיך זיין טרינקען זייערע גלאז קאווע, און דערנאך וועט יעדער זיך צוגיין איש איש לדרכו, און זיי וועלען נישט דערוועקט ווערען דערפון צו תשובה און עבודת ה'.

**ווען** מיר הערען דעם דאזיגען מעשה, טראכטען מיר צו זיך אז אזוי פירען זיך אויף א קליינע טייל מענטשען וואס זענען ווייט פון דבר ה' - די משכילים וואס וואוינען אין בערלין דער הויפט פלאץ פון השכלה, אבער אין אמת'ן אריין דארפען מיר אריין טראכטען דערין און זיך פרעגען: וואס איז מיט אונז?! אט לויט'ן אמת, נישט פון קיין

וויטען געדענקעניש און נישט מפי השמועה, פאר נישט קיין לאנגע צייט צוריק, האבען מיר געלעבט בפועל אין א אימת מות פונעם מגיפה וואס האט געהערשט - לא תקום פעמיים צרה און ס'זאל נישט אנטרעפען קיין שום בר ישראל, אלע האבען מורא געהאט אן אמת'ן פחד, און בטעות טראכטען מיר אז יעצט איז מען געוואר געווארען למפרע אז ס'איז נישט געווען אזוי געפערליך און דער ציטערניש איז נאר געווען בטעות, אבער דער אמת איז פארקערט, ס'איז יא געווען געפערליך און ס'איז יא געווען שרעקעדיג, און ס'איז טאקע געווען א סכנה, נאר דער רבונו של עולם ברוב רחמיו וחסדיו האט אונז געראטעוועט. און מיר דארפען מאכען א חשבון הנפש, צו דען זענען מיר אנדערש היינט צו טאג, פונדעם וואס מיר זענען געווען ווינטער שנת תש"פ?! צו דען האט דער פחד און הצלה פונעם סכנה אונז צוטרייסעלט?! צו דען האט דער מורא אונז געטוישט און געמאכט אנדערש?! און אויפדעם שטייט 'ולא נתן ה' לכם לב לדעת'.

**און** אט ביי הבאת ביכורים האט מען געזאגט 'ארמי אובד אבי וירד מצרימה' וגו' (כו, ה), און מען דערמאנט דארטען דעם גאנצען ענין פון יציאת מצרים, און דער **שפת אמת** געבט צו פארשטיין ביי אונז אין פרשה (עי' תרל"ב ועוד) אז עס ליגט אויף יעדער מענטש אין אלע דורות צו געדענקען יציאת מצרים וואס איז דער ראשית און דעם שורש און דעם אנהייב, און עמלק וואס ווערט אנגערופען 'ראשית גוים עמלק' (בלק כד, כ), האט געקעמפט קעגען דעם, ווייל ער איז געקומען אפרייסען די יודען פון זייער מקור און פון זייער שורש. און דעריבער האט דער תורה געזאגט אז מ'דארף ברענגען די ביכורים דייקא צו די כהנים אין בית המקדש, נישט אזוי וויא תרומה וואס מען קען עס געבען צו די כהנים וויא ס'זאל נאר נישט זיין אין גבולין, נאר מען דארף ארויפגיין צום כהן אין בית המקדש, און זאגען 'הגדתי היום - שאיני כפוי טובה', און עס מיינט נישט אז מען זאל גלאט אזוי זאגען בלויז מיט א דרויסענדיגע זאגעכטץ, נאר אין בית המקדש ווען א מענטש זאגט דאס, האט די וויסענשאפט ארייגעגראבען אריין אין מענטש אריין, און עס האט א כח דאס אריין צו לייגען אין טיפעניש

פונעם הארץ, ווייל יעדער איינער וואס גייט ארויף און שטייט אין בית המקדש געפינט זיך אין אן אנדער'ן סדר וויא זיין געוועהנליכע סדר.

**און** דערפאר האט דער פסוק געדארפען דערמאנען אז 'אין לך אלא כהן שבימיך', כדי אז דער מענטש זאל נישט זאגען אז די כהנים היינט צו טאג זענען נישט אזוי וויא די כהנים פון די פריעדיגע דורות, און דעריבער האט מען נישט אויף וואס ארויף צוגיין צום בית המקדש, נאר אפילו אין די נידריגע דורות דארף ער ארויף גיין צום כהן אין בית המקדש מיט די ביכורים, ווייל 'אין לך אלא כהן שבימיך', ווייל אין בית המקדש איז געווען דער 'לב לדעת' כדי צו אנערקענען חסדי המקום פון יציאת מצרים.

**און** דער כח איז געבליבען אויף שטענדיג, אזוי וויא עס שטייט אין **שפת אמת** (תרל"ב ד"ה במדרש מרע"ה) אז אין יעדען איינציגען טאג האט יעדער יוד אין אלע דורות זיין אייגענע און פריוואטע יציאת מצרים (ועי' שמות תרמ"ה ד"ה במדרש חושך), און דאס שטייט אפען אין **תנא דבי אליהו** (רבה פרק ב) 'שבכל יום ויום כל אדם נפדה ועושין לו ניסים כיוצאי מצרים'. לכאורה דארף מען אריין קלערען דערין, מיר זעהן דאך נישט אז ס'איז טאקע אזוי, נאר דער סיבה דערויף איז וויבאלד מיר אנערקענען נישט אין די חסדי המקום, וואס אין אמת'ן אריין זענען מיר ארום גענומען מיט חסדים און ניסים און נפלאות, און אזוי וויא מיר זאגען און רעכנען אויס אין 'נשמת כל חי'.

**געוויס** אבער, דעם סארט יציאת מצרים וואס איז דא יעדען טאג, ווענדט זיך ביי יעדער איינער און איינער לויט זיין ארבעט, ומקרא מלא אמר הכתוב (ראה יג, ו) 'המוציא אתכם מארץ מצרים וְהַפֹּדְךָ מבית עבדים', און מ'קען באמערקען פארוואס הייבט דער פסוק מיט א לשון רבים המוציא '**אתכם**' מארץ מצרים, און ענדיגט מיט א לשון יחיד 'הפדך', און נאך איז שווער אז מען וואלט אלץ געדארפען שרייבען אזוי וויא ס'שטייט ביי די עשרת הדברות (יתרו כ, ב) 'אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים' - פארוואס האט מען דאס דא אפגעטיילט, און אויב מ'טיילט שוין יא אפ, וואלט מען

פריער געדארפען שרייבען 'הפודך מבית עבדים', פאר 'המוציא אתכם מארץ מצרים', ווייל די שעבוד האט זיך אויפגעהערט ווען ס'האט זיך אנגעהויבען די מכות נאך איידער זיי זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. און לויט וויא אויבען דערמאנט קען מען זאגען, אז די אנהייב פסוק רעדט אויף די כללות'דיגע יציאת מצרים וואס יעדער יוד האט, און יציאת מצרים מיינט די הצלה פונעם יצר הרע און זיינע כוחות וואס פייניגען אונז, אזוי וויא דער **אור החיים הק'** שרייבט אויפ'ן פסוק (כו, ח) 'ויוציאנו ה' ממצרים', און דער 'המוציא' איז דורכדעם וואס מען דערהייבט זיך איבער אלע טומאות פון ארץ מצרים, און אזוי וויא ס'ווערט מרומז אין די גמרא (עי' ברכות לח. וב"מ סא: ועי' פני מנחם בלק עמ' קנ טו"ב). אבער אויסער דעם דארף יעדער יחיד און יחיד ארבעטען אויף זיין פריוואטען יציאת מצרים, און אויפדעם שטייט 'הפודך מבית עבדים' - אויפ'ן פריוואטען ארויסגאנג פון יעדער איינער פון זיין בית עבדים, די ארויסגאנג פון זיין עבדות צום יצר הרע. און דערפאר שטייט 'הפדך' חסר וי"ו, ווייל עס ווענדט זיך אינעם ארבעט פון יעדער מענטש מיט זיך, אז ער דארף וויסען און שפירען זיין אייגענע ארויסגאנג פון ארץ מצרים - פון זיין אייגענעם יצר הרע, און זיין אייגענעם אויסלייזונג פונעם בית עבדים - אראפ נעמען פון זיך יעדער עול וואס דער יצר לייגט אונז אריין אין א עגשאפט. טאקע געוויס שטייט נישט אויף אונז א נוגש מיט א שוט - ריט, אבער דאס איז נישט קיין מעלה נאר פארקערט, צוליב דעם רוב טובה וואס מיר שפירען דא אויף די וועלט וואס איז זיס און ציעהט אונז מיר זאלען באהאפטען ווערען צו איהר, באמערקען מיר בכלל נישט אז מיר געפינען זיך אינעם ענגשאפט פונעם יצר הרע, און ס'ליגט אויף יעדער איינער א אויפגאבע צו אנערקענען זיין צושטאנד, און ארויסגיין פון זיין ענגשאפט און זיך דערהייבען.

**דער בעל הטורים** (כח, סו) ברענגט א מסורה אז ס'שטייט צוויי מאהל 'תלואים', איין פסוק וואס שטייט אין אונזער פרשה 'והיו חייך תלואים לך מנגד', און דער אנדערע פסוק וואס שטייט אין הושע (יא, ז) 'וְעַמִּי תלואים לִמְשׁוּבָתִי'. און די **מפרשים** שרייבען

אז 'תלואים' איז פון לשון 'אשם תלוי', ווייל זיי טוהן נאכנישט תשובה אזוי וויא ס'דארף צו זיין, און זיי זענען 'תלויין' ועומדים, דער 'תשובה' איז נאך בגדר ספק - ס'איז נאך נישט קיין תשובה, און ס'איז נאכנישט צוגעקומען צו די אמת'דיגע תשובה וואס פאדערט זיך. און דער עצה דערויף אז די תשובה זאל זיין אזוי וויא עס דארף צו זיין, איז 'והיו חייך תלואים לך מנגד', צו שפירען און צו וויסען וואס מען זאגט יעדען טאג ביי ברכת הודאה 'מודים אנחנו לך וכו', על חיינו המסורים בידך, ועל נשמותינו הפקודות לך, ועל נסיך שבכל יום עמנו, ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת', אויב מען געדענקט די טובות און נפלאות וואס זענען דא 'בכל עת', דערוועקט דאס צו אמת'דיגע תשובה, און ס'ווערט מקויים דאס וואס ס'שטייט 'בכל עת יהיו בגדיך לבנים', ווייל מען ווערט ערוועקט אזוי וויא ס'דארף צו זיין זיך אומקערען אויף אן אמת צום אייבערשטען, און לעבען א דערהויבענע לעבען, און דאס איז וואס ס'שטייט 'תלואים' למשובתי - וואס ער דערהייבט זיך איבער'ן בלאטע פונעם ארציות, און ער איז מער שייך און אנגעבינדען צום רבונו של עולם.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען זוכה זיין צו אנערקענען, וויסען און געדענקען די חסדים המרובים פונעם אייבערשטען. ס'שטייט אין **שפת אמת** (תרמ"ד ד"ה במדרש) אז אויך בזמן הזה וואס דער בית המקדש איז נישט קיים און מען ברענגט נישט קיין ביכורים, פונדעסטוועגען דורך תורה און תפלה האט יעדער איינער א מעגליכקייט אנצוקומען און צו דערגרייכען דעם זעלבען התקרבות - נאנשאפט וואס איז געווען בשעת ווען מען האט געברענגט די ביכורים, ווייל דער אייבערשטער לאזט נישט נאך די יודישע קינדער, דער אייבערשטער איז שטענדיג דא, סיי בזמן וואס דער בית המקדש איז קיים און עס זענען פאראנען מצוות וואס זענען נוהג נאר בזמן הבית, און סיי בזמן שאין בית המקדש - און ס'איז דא מצוות וואס זענען נוהג שטענדיג, ווייל הקדוש ברוך הוא איז קיים לעולם, קרוב ה' לכל קוראיו, מיר זאלען זוכה זיין זיך צו ערוועקען און ריפען צום רבונו של עולם בכל לב ובכל נפש, צו זיכען און זיך באהעפטען צו איהם יתברך שמו.